# דער קוידענאַווער רבי ר׳ אַלטערקע פּערלאָוו איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין ווילנע

דער קוידענאָווער רבי איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט פינף טויזנט ייִדן פון ווילנער געטאָ. — די קוידענאָווער רבי׳שע גזע. — זיין רביצין און די פרומע פרויען אָרגאַניזאַציע אינעם ווילנער געטאָ.

די ייִדן אין ווילנע האָבן בעת די גיהנום׳דיקע יאָרן, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן דאָרט געהערשט, אַרויסגעוויזן גייס־טיקע און פיזישע גבורה.



דער קוידענאָווער רבי, ר׳ אַלטערקע פּערלאָוו, הי״ד

געווען העלדן אין ווילנער געטאָ, וואָס וועלן בלייבן ווי סימבאָלן פאַר אַלע קומענדיקע דורות; העלדן וואָס האָבן מקריב געווען זייער אייגן לעבן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַנדערע.

צוויי מענטשן, אַ רב און רבי, האָבן געדאַרפט וואַרפן גורל צווישן זיך ווער עס זאָל בלייבן לעבן און ווער עס זאָל גיין קיין „פּאָנאַר". דער רבי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גורל לטובת דעם רב און דער רב האָט דאָס זעלבע געטאָן לטובת דעם רבי׳ן.

דער רבי איז געווען דער קוידענאָווער רבי ר׳ שלום־אַלטער (אַלטער־קע) פּערלאָוו, און דער רב — ר׳ ראובן כהן.